**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/8/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

**אין פארברייטערונג פאר קלימאט וואך 2021 אנאנסירט גאווערנער האקול נייע שריטן צו מאכן ניו יארק טראנספארטאציע סעקטאר גרינער, רעדוצירן קלימאט-ענדערנדע ארויסלאז**

***גאווערנער שרייבט אונטער לעגיסלאציע (2758.A.4302/S) וואוקצושטעלן 2035 ציל פאר אלע פאסאזשיר אויטאס און טראקס פארקויפט אין ניו יארק צו האבן זערא עמיסיע***

***דירעקטירט פאר DEC ארויסצוגעבן געשריבענע רעגולאציע צו רעדוצירן לופט פארפעסטיגונג פון טראקס, פארלאנגען פון טראק פאבריצירער צו פארקויפן זערא-עמיסיע טראקס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט נייע שריטן צו רעדוצירן קלימאט-ענדערנדע גרינהויז גאז ארויסלאז און לופט פארפעסטיגונג פון דער טראנספארטאציע סעקטאר. דער גאווערנער האט אונטערגעשריבן לעגיסלאציע (2758.A.4302/S), וואוקשטעלנדיג א נייע ציל פאר אלע פאסאזשיר קארס און טראקס פארקויפט אין ניו יארק סטעיט צו זיין זערא-עמיסיע ביז 2035. אין צוגאב האט דער גאווערנער דירעקטירט דעם ׳דעפארטמענט און ענווייראנמענטעל קאנסערוועישען׳ ארויסצוגעבן א פארגעשלאגענע רעגולאציע וועלכס וועט באדייטנד רעדוצירן לופט פארפעסטיגונג פון טראקס. אויב ווערט עס אנגענומען וועט דער רעגולאציע פארשנעלערן זערא-עמיסיע טראק פארקויפן, וועלכע וועט רעזולטירן אין פארבעסערטע לופט קוואליטעט און איבערהויפט אין די קאמיוניטיס אומפראפארציענעל אנגעקלאפט דורך דער טראנספארטאציע-פארבינדענע פארפעסטיגונג. די אקציעס היינט געמאלדן בעפאר קלימאט וואך 2021 שטיצן ניו יארק׳ס אמביציעזע ציל צו רעדוצירן גרינהויז גאז ארויסלאז מיט 85 פראצענט ביז 2050, ווי עס איז אויסגעלייגט אין דעם ׳קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט׳, אדער CLCPA.

"ניו יארק פירט איין דעם לאנד׳ס מערסט אגרעסיווע פלאן צו רעדוצירן דער גרינהויז גאז ארויסלאז וועלכע אפעקטירט אונזער קלימאט און צו גרייכן אונזער אמביציעזע צילן, מיר מוזן רעדוצירן עמיסיעס פון דער טראנספארטאציע סעקטאר, איצט דער גרעסטער קוואל פון דער סטעיט׳ס קלימאט פארפעסטיגונג," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דער נייע געזעץ און רעגולאציע צייכנט א קריטישער גרייכפונקט אין אונזערע באמיאונגען און וועלן ציען אויף פאראויס דער טראנזיציע צו ריינע עלעקטרישע אויטאס, און אין דער זעלבער צייט העלפן רעדוצירן עמיסיעס אין קאמיוניטיס וועלכע זענען איבערגעלאדנט דורך פארפעסטיגונג פון קארס און טראקס פאר צענדליגע יארן."

אונטער דער נייער געזעץ וועלן נייע ׳אָף-ראָוד׳ וויהיקלס און איסריכטונגען פארקויפט אין ניו יארק ווערן געצילט צו זיין זערא-עמיסיע ביז 2035, און נייע מעדיום און ׳העווי-דוטי׳ וויהיקלס ביז 2045. דער געזעץ פארלאנגט אויך דער אנטוויקלונג פון א זערא-עמיסיע וויהיקל אנטוויקלונג סטראטעגיע ביז 2023, וועלכס וועט געפירט ווערן דורך דער ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט (NYSERDA) צו פארשנעלערן דאס איינפירן פון די סטעיט׳ס פאליסיס און פראגראמען נויטיג צו דערגרייכן דער געזעץ׳ס נייע צילן.

**DEC קאמישענער באסיל סעגאוס האט געזאגט,** "דער הײנטיגער אַנאָנסמענט צײגט ניו יארק׳ס אנטשלאסנקייט צו רעדוצירן קלימאט-ענדערנדע גרינהויז גאז ארויסלאז פון דער גרעסטע קוואל פון גרינהויז גאז ארויסלאז, דער טראנספארטאציע סעקטאר. דער קאדיפיקאציע פון אונזער EV צילן און אוואנסירטע רײנע טרעק רעגולאציע וועט באקעמפן די נעגאטיווע עפעקטן פון קלימאט ענדערונג און אין דער זעלבער צייט רעדוצירן אָזאָן, פארטיקלען חומר, און מאביל קוואל לופט פעסט אין קאמיוניטיס וועלכע האבן שוין לאנג געטראגן דעם גרעסטן עול פון פון וויהיקלס. ווען אנגענומען וועט דער רעגולאציע פארלאנגען א געהעכערטע פראצענט פון אלע נייע טראקס פארקויפט אין ניו יארק צו זיין זערא-עמיסיע וויהיקלס אנגעהויבן מיט דער 2025 מאדעל יאר, צעמענטירנדיג אונזער סטעיט אלס א נאציאנאלע פירער אויף שריטן צו אדרעסירן קלימאט ענדערונג און אין דער זעלבער צייט טרייבן עקאנאמישע געלעגנהייטן און העלפן רעדוצירן לופט פארפעסטיגונג."

**NYSERDA פרעזידענט און סי-אי-או דאריען מ. האריס האט געזאגט,** "שטערקערע רעגולאציעס צו רעדוצירן עמיסיעס וועלן העלפן אונזערע קאמיוניטיס, איבערהויפט אין געדיכט באוואוינטע און אונטערסערווירטע ערטער, וועלכע שטייען אויס העכערע שטאפלען פארפעסטיגונג פון טראקס און וויהיקלס. דער הײנטיגער אַנאָנסמענט וועט העלפן שאפן א מער-אויסהאלטעוודיגע צוקונפט, וואס דאס מיינט אז אלע ניו יארקערס קענען ארומנעמען א נידעריגע קארבאן באניץ און געזונטערע פלעצער צו וואוינען און ארבעטן, אין דער צייט וואס מיר פארשנעלערן צו טרעפן ניו יארק סטעיט׳ס רײנע טראנספארטאציע צילן אונטער דער קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט."

**סטעיט דעפארטמענט און טראנספארטעישען קאמישענער מארי טערעסע דאמינגעז האט געזאגט,** "באשיצן אונזער ענווייראנמענט פון די באלדיגע געפאר פון קלימאט ענדערונג איז א העכסטע פריאריטעט פאר אונזער סטעיט, אונזער לאנד, און דער גאנצער וועלט. דורך אונטערשרייבן די וויכטיגע לעגיסלאציע האט גאווערנער האקול געלייגט ניו יארק סטעיט פארנט און צענטער אין דעם קאמף צו רעדוצירן גרינהויז גאז ארויסלאז און מאכן ניו יארק א וועלט בארימטער פירער אין באקעמפן גלאבאלער קלימאט ענדערונג. טראנספארטאציע איז אן אינטעגראלע טייל פון טאג-טעגליכע לעבן אין ניו יארק און דורך נעמען די שריטן צו רעדוצירן עמיסיעס פארזיכערן מיר א בעסערע ניו יארק און א בעסערע וועלט פאר צוקונפטיגע דורות."

ניצנדיג קאליפארניע׳ס ׳עדוואנסד קלין טראקס רול׳ אלס א מוסטער וועט די פארגעשלאגענע רעגולאציע וועט פארלאנגען טראק פאבריצירער זיך איבערצוטוישן צו רײנע, עלעקטרישע, זערא-עמיסיע וויהיקלס. טראק פאבריצירער וועלן זיין פארלאנגט צו טרעפן א געוויסע יערליכע אײנקונפט פרא פון זערא-עמיסיע טראקס, וועלכס וועט זיך ווענדן אויף וויהיקל וואג קלאסן, אנגעהויבן מיט מאדעל יאר 2025. ביז דער 2035 מאדעל יאר, וויניגסטנס 55 פראצענט פון אלע נייע קלאס2b-3 פיק-אפ טראקס און ווענס, 75 פראצענט פון אלע נייע קלאס 4 ביז 8 טראקס, און 40 פראצענט פון אלע נייע קלאס 7 ביז 8 טראקטארס פארקויפט אין ניו יארק סטעיט וועלן זיין זערא-עמיסיע. די פארגעשלאגענע רעגולאציע גיבט מעדיום און העווי-דוטי טראק פאבריצירער מיט עטליכע אויספאלג אפציעס און וועט פארלאנגען אן איינמאליגע באריכט פון אנווענדליכע טראק פליעטס.

פילע פון ניו יארק׳ס אומפארגינציגסטע קאמיוניטיס, איבערהויפט דער וואוין-ארט פון לאָו-אינקאם שווארצע, נעיטיוו אמעריקאנע, און מענטשן פון קאלירטע אפשטאם, זענען גלייך נעבן אינדוסטריעלע איינריכטונגען און טראנזיט ראוטס מיט שווערע טראק טראפיק. די פארגעשלאגענע רעגולאציע וועט העלפן אדרעסירן אומפראפארציאנעלע ריזיקע און געזונט און פארפעסטיגונג לאסט וועלכע אפעקטירן די קאמיוניטיס און שטעלט ניו יארק אויף א זערא-עמיסיע קורצע-רייזע פלאטן אין האוונס און רעיליארדס, און זערא-עמיסיע "לעצטע-מייל" דעליווערי טראקס און ווענס.

טרעפן צו CLCPA פאדערונגען וועט פארלאנגען גרעסערע רעדוקציעס אין גרינהויז גאז ארויסלאז פון

דער טראנספארטאציע סעקטאר און דאס אננעמען עלעקטרישע טעכנאלאגיעס, ווי למשל עלעקטרישע פאסאזשיר וויהיקלס, טראקס, און באסעס. אין מאי, האט דער קלימאט אקציע קאונסיל׳ס טראנספארטאציע ראט פאנעל צוגעשטעלט דעם קאונסיל מיט איר רעקאמענדירטע סטראטעגיעס, אריינגערעכנט דאס אננעמען פון קאליפארניע׳ס זערא-עמיסיע וויהיקל פארקויפן פארלאנגען.

מעדיום און העווי-דוטי טראקס (די וועלכע וועגן מער ווי 8,500 פונט) זענען די צווייט-גרעסטע קוואל פון נייטראדזשען אקסיידס עמיסיעס פון מאביל קוועלער, טראצדעם וואס די טראקס פארטרעטן אומגעפער פינף פראצענט פון ניו יארק׳ס 10.6 מיליאן דאלער רעגיסטרירטע וויהיקלס. א טייל פון דאונסטעיט ניו יארק סטעיט טרעפט נישט צו פעדעראלע געזונטהייט באזירטע נאציאנאלע ארומנעמיגע לופט קוואליטעט סטאנדארטן (NAAQS) פאר אזאון און איז קאטעגאריזירט אלס א נישט-גרייכבארע ארט.

די פארגעשלאגענע רעגולאציעס גיבן צו צו ניו יארק׳ס אנגייענדע באמיאונגען און אינוועסטירונג צו עלעקטריזירן דער טראנספארטאציע סעקטאר און העלפן גרייכן דער סטעיט׳ס אמביציעזע קלימאט צילן. ניו יארק אינוועסטירט מער ווי 1 ביליאן דאלער אין זערא עמיסיע וויהיקלס איבער די נעקסטע פינף יאר. אקטיווע מעדיום און העווי-דוטי טראקס איניציאטיוון רעכענען אריין זערא-עמיסיע טראק קויפן וואוטשער דורך דער [ניו יארק טראק וואוטשער פראגראם (NYTVIP)](#) און דער ניו יארק סיטי ריינע טראקס פראגראם, דער ["EV מאכט גרייט“](#) איניציאטיוו צו העלפן פארברייטערן עלעקטרישע אויטא באניץ, פלאט אפשאצונג סערוויסעס, און דער 24 מיליאן דאלערדיגע עלעקטרישע טראק און באס פרייז פארמעסט.

**סענאטאר טאד קאמינסקי, פארזיצער פון דער סענאט ענווייראנמענטעל קאנסערוועישן קאמיטע, האט געזאגט,** "א דאנק דער קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט פארזעהט ניו יארק א נישט-ווייטיגע צוקונפט וואו עלעקטרישע אויטאס דאמינירן אונזערע ראודס. דער שוועריגקייט פון טראנספארמירן אונזער טראנספארטאציע סעקטאר איז העכסט-נויטיג צו באקעמפן קלימאט ענדערונג - און די שריט גענומען היינט זענען געווי די דרייסטע, אגרעסיווע, און נויטיגע אקציע פארלאנגט אונז צו העלפן טרעפן צו די צילן, רעדוצירן אונזער קארבאן אויסניץ און ענדגילטליך ראטעווען אונזער פלאנעט. א דאנק פאר גאווערנער קעטי האקול פאר׳ן אונטערשרייבן דער מאסנאם, און פאר סענאטאר הארקהאם און פארזיצער ענגלברייט פאר זייער ספאנסירערשאפט, און קאמישענער סעגאוס און DEC פאר זייער ארבעט אויף די פארגעשלאגענע רעגולאציעס."

**סענאטאר טים קענעדי, פארזיצער פון דער סענאט טראנספארטאציע קאמיטע, האט געזאגט,** "עס איז וויכטיג אז מיר פריאריטיזירן אויסהאלטבארע רעפארמען וואס וועלן אנהאלטן אונטערשטרייכן אונזער פארשפרעכונג צו הויך-קוואליטעט טראנספארטאציע און א גרינערע, ענווייראנמענטאלע-יושר׳דיג ניו יארק. דורך דאס אונטערשרייבן פון די לעגיסלאציע, דערמוטיגן מיט גרינע, פאראויס-טראכטנדע סטאנדארטן איבער׳ן סטעיט, און בויען אויף דער אמביציעזע אגענדע פארגעשטעלט דורך דער CLCPA."

**סענאטאר פיטע הארקהאם האט געזאגט,** "דער בעסטער אופן אונטערצוהייבן אונזער קאמף קעגן דער קלימאט קריזיס איז איבערצוטוישן צו נייע וויהיקלל וואס זענען גענצליך פריי פון קארבאן און אנדערע גיפטיגע עמיסיעס, און דערפאר בין איך דאנקבאר צו גאווערנער האקול פאר׳ן אונטערשרייבן דער זערא עמיסיעס לעגיסלאציע. פאר מיין שותף אויף דער בילל אין דער סטעיט אסעמבלי, סטיוו ענגלברייט, קומט זיך אויך אונזער דאנקבארשאפט. די חורבנות אנגעברענגט דורך טראפישע שטורעם ׳איידע׳ ציגן ווידעראמאל אז האלב מאסנאמען אין באהאנדלען קלימאט ענדערונג זענען פאר אונז נישט קיין גרויסן בענעפיט. מיר דארפן איצט נעמען באלדיגע שריטן, און איינפירן דעם געזעץ ווייזט וויאזוי ניו יארק קען פירן דעם וועג צו פאזיטיוו משפיע זיין אויף אונזער סביבה."

**אסעמבלי-מיטגליד סטיוו ענגלברייט, פארזיצער פון דער אסעמבלי ענווייראנמענטעל קאנסערוועישען קאמיטע, האט געזאגט,** "מיר דארפן נעמען אגרעסיווע שריטן צו רעדוצירן גרינהויז גאז ארויסלאז צו ערפאלגרייך באקעמפן דער קלימאט קריזיס. זיך איבערטוישן צו זערא-עמיסיע וויהיקלס, לויט ווי פארלאנגט אין די לעגיסלאציע, וועט העלפן דראמאטיש רעדוצירן די געפארפולע גיפט וועלכע ביישטייערן צו קלימאט ענדערונג, שעדיגן אונזער סביבה און ברענגט געזונטהייט פראבלעמען פאר ניו יארקערס. די עקסטרעמע וועטער פאסירונגען וואס מיר שטייען אויס שטייגן און ברענגען צו העכערע לעבנס פארלוסטן - דער צייט צו טוהן למעשה איז איצט. איך וויל דאנקען גאווערנער האקול פאר'ן אונטערשרייבן דעם בילל אלס געזעץ."

**אסעמבלי-מיטגליד וויליאם מאגנארעלי, פארזיצער פון דער אסעמבלי טראנספארטאציע קאמיטע, האט געזאגט,**
"לאנג-טערמיניגע באמיאונגען זענען פארלאנגט אויב מיר ווילן עפעקטיוו נעמען שריטן צו באשיצן אונזער סביבה. גרינהויז גאז ארויסלאז און לופט פארפעסטיגונג פון דער טראנספארטאציע סעקטאר זענען גרויסע צוגעבער צו דער פראבלעמאטישער קלימאט ענדערונג וואס אונזער סביבה שטייט איצט אויס. דורך נעמען איצטיגע שריטן און אוועקשטעלן צילן פון זערא-עמיסיעס ביז 2035, קען ניו יארק פארזעצן צו זיין א פירער אין ענווייראנמענטאלע באשיצונג מאסנאם."

אין 2020, האט ניו יארק, אינאיינעם מיט 14 אנדערע סטעיטס מיט דער דיסטריקט פון קאלומביע, צוגעשטימט דורך א 'מעמאראנדום אָוו אַנדערסטענדינג' צו אנטוויקלען אן אקציע פלאן צו פארשנעלערן דער עלעקטריזירונג פון באסעס און טראקס, אריינגערעכנט צו נעמען אין באטראכט דאס איינפירן פון דער קאליפארניע רעגולאציע. אנטיילנעמענדע סטעיטס זענען פארשפראכן צו ארבעטן אינאיינעם צו פארשנעלערן דעם מארקעט פאר זערא עמיסיע מעדיום און העווי-דוטי וויהיקלס, אריינגערעכנט דעליווערי טראקס, באַקס טראקס, און באסעס. דער כללות'דיגע ציל איז צו פארזיכערן אז 100 פראצענט פון אלע נייע מעדיום און העווי-דוטי וויהיקל פארקויפן וועלן זיין זערא-עמיסיע וויהיקלס ביז 2050, מיט אן צווישנצייטיגע ציל פון 30 פראצענט זערא-עמיסיע וויהיקל פארקויפן אין די קאטעגאריעס פון וויהיקלס ביז 2030.

אין אפריל 2021, ניו יארק און 11 אנדערע סטעיטס האבן געבעטן פרעזידענטביידען צו שטעלן דער יו-עס אויף א וועג צו פארזיכערן אז אלע וויהיקלס פארקויפט אין דעם לאנד זענען זערא-עמיסיע. דער בריוו בעט פון דער פעדעראלע רעגירונג איינצופירן סטאנדארטן צו פארזיכערן אז אלע פאסאזשיר קארס און לייכטע-פליכט טראקס זענען זערא-עמיסיע ביז 2035, און אז מעדיום-דוטי און העווי-דוטי וויהיקלס זענען זערא-עמיסיע ביז 2045. די סטעיטס האבן אויך דערמוטיגט דערביידען אדמיניסטראציע צו אוואנסירן נייע עלעקטרישע אויטא וויהיקל טעקס קרעדיטס, פארבעסערן עקזיסטירנדע עלעקטרישע אויטא טעקס קרעדיטס, פינאנצירונג פאר אינוועסטירונג אין טשארדזשינג און פיועלינג אינפראסטרוקטור און אנדערע רעפארמען.

דער DEC דערמוטיגט ניו יארקערס צו איבערקוקן און קאמענטירן אויף די פארגעשלאגענע רעגולאציע וועלכס איז א טייל פון א ווירטועלע סטעיקהאָלדער זיצונג אנגעפירט אין פעברואר פון דעם יאר. די דרעפט רעגולאציעס (צו געפונען פאר איבערקוקן אויף דער [DEC וועבזייטל](DEC)) וועט זיין צו באקומען פאר פובליק קאמענטארן ביז 5 נאכמיטאג אום נאוועמבער 17, 2021, און א ווירטועלע פובליק היערינג וועט געהאלטן ווערן אום 2 נאכמיטאג אום נאוועמבער 9, 2021. די פארגעשלאגענע פארלאנגען זיך איבערצוטוישן צו זערא-עמיסיע טראקס, אין צוגאב צו דער סטעיט'ס אנגייענדע מולטי-אגענטור און אויטאריטעט באמיאונגען און אינוועסטירונגען צו עלעקטריזירן דער טראנספארטאציע סעקטאר, וועט העלפן ניו יארק טרעפן צו איר אמביציעזע קלימאט צילן און פעדעראלע לופט קוואליטעט סטאנדארטן, איבערהויפט אין דער ניו יארק סיטי מעטראפאליטען געגנט.

ניו יארק סטעיט׳ס לאנד-וועגווייזיגע קלימאט פלאן איז דער מערסט-אגרעסיווער קלימאט און זויבערע ענערגיע איניציאטיוו אין דעם לאנד, רופנדיג פאר א מסודר׳דיגע און יושר׳דיגע טראנזיציע צו זויבערע ענערגיע וואס שאפט דזשאבס און הייבט אונטער א ׳גרינע עקאנאמיע׳ אין דער צייט וואס ניו יארק סטעיט ערהוילט זיך פון דער קאוויד-19 פאנדעמיע. דורך דאס אריינגעשטעלן אין געזעץ דורך דער ׳קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט׳ האט זיך ניו יארק געשטעלט אויף א וועג צו גרייכן איר פארלאנגטע ציל פאר א זערא-עמיסיע עלעקטריק סעקטאר ביים יאר 2040, אריינגערעכנט דאס שאפן פון 70 פראצענט איבערניציגע ענערגיע ביים יאר 2030, און צו דערגרייכן קארבאן נייטראליטעט לענגאויס דער עקאנאמיע. עס בויט אויף ניו יארק׳ס פריער-אומדערהערטער אינוועסטירונגען צו פארשנעלערן דאס שאפן פון זויבערע ענערגיע, אריינגערעכנט איבער 21 ביליאן דאלער אין 91 גרויס-פארנעמיגע ענערגיע-איבערניץ פראיעקטן לענגאויס דעם סטעיט, 6.8 ביליאן דאלער צו רעדוצירן געביידע עמיסיע, 1.8 ביליאן דאלער צו פארברייטערן סאלאר ענערגיע, מער ווי 1 ביליאן דאלער פאר זויבערע-ענערגיע טראנספארטאציע איניציאטיוון, און איבער 1.2 ביליאן דאלער אין NY ׳גרינע באנק׳ פארפליכטונגען. אלעס צוזאמען שטיצן די אינוועסטירונגען איבער 150,000 דזשאבס אין ניו יארק׳ס זויבערע ענערגיע סעקטאר אין 2019, א 2,100 פראצענטיגער העכערונג אין דער אויסגעשפרייטער סאלאר-ענערגיע סעקטאר זייט 2011 און א פארפליכטונג צו אנטוויקלען 9,000 מעגאוואטס פון ים-ווינט ענערגיע ביים יאר 2035. ניו יארק וועט בויען אויף די פארשריטן און רעדוצירן גרינהויז גאז ארויסלאז מיט 85 פראצענט פון די 1990 שטאפלען ביז 2050, און אין דער זעלבער צייט פארזיכערן אז כאטש 35 פראצענט, און מיט׳ן ציל פון 40 פראצענט, פון די בענעפיטן פון זויבערע ענערגיע אינוועסטירונגען ווערן צוגעטיילט צו אומפארגינסטיגטע קאמיוניטיס, און אוואנסירן פארשריטן צו דעם סטעיט׳ס 2025 ענערגיע-עפעקטיווער ציל אויף צו רעדוצירן אנ-סייט ענערגיע באניץ מיט 185 טריליאן BTU פון ענדע-באניץ געשפארטע ענערגיע.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן